פאר אייך און אייערע קינדער

455

פערלאַג „אידיש" — ניו יאָרק 1919

No. 7

Digitized by the Internet Archive
in 2016 with funding from
Boston Public Library

https://archive.org/details/tseybriderlakh00reis

אברהם רייזען

צוויי בריdערלאך

געצייכענט פון זאגאט.

Copyright 1916
by
Jewish Book Agency, Inc

די צוויי ברידערלאך

יאַנקעלע און בערעלע — צוויי ברידערלאך, דער ערשטער פיערצעהן יאָהר אַלט, דער צווייטער זעכצעהן — האָבען געלערנט אין דער ישיבה, וואָס געפינט זיך אין דער גרויסער שטאָדט, פינף מייל פון זייער געבורטס־שטעדטעל.

יאַנקעלע איז געווען אַ דאַרינקער, אַ בלייכינקער מיט צוויי שוואַרצע אויגעלאך, וואָס האָבען אַרויסגעקוקט כיטרע פון אונטער די צוויי שוואַרצע ברעמען. בערעלע איז געווען העכער און פולער פאַר יאַנקעלען, אויגען האָט ער געהאַט העלערע, און זיין קוק איז געווען שטרענגער און פאַרטראַכטער.

די צוויי ברידערלאך האָבען זיך אויפגעהאַלטען ביי אַן אָרימער קרובה, אַן אלמנה, אַ טענדלערין, וואָס האָט זיך ביז שפּעט אין דער נאַכט אין שטיבעל ניט געפונען. קיין בעט האָבען די צוויי ברידערלאך ניט געהאַט, דער־פאַר אָבער האָט דער קופערט, וואָס איז גענוג ברייט געווען, געדינט זיי פאַר אַ בעט, און די צוויי ברידערלאך פלעגעןביידע געשמאַק שלאָפען אויף איהם, איינדעקענדיג זיך מיט זייערע לאַנגע צוריסענע קאַפּאָטקעלאך, און פלע־

גען אין חלום זעהן זייער שטעדטעלע, זייער געסיל, דאָס שטיבעלע און דעם טאַטען מיט דער לאַנגער באָרד, מיט די אויסגעלאָשענע אויגען, מיט׳ן געבויגענעם רוקען, און פלעגען זעהן דער מאַמען מיט׳ן לאַנגען בלייכען אומעטיגען פּנים, און פלעגען הערען, ווי די קליינע ברידערלאַך און שוועסטערלאַך קריגען זיך, רייסענדיג זיך פאַר אַ שטיקעל הערינג... און נאָך פלעגט זיך זיי חלום׳ען הלומות פון דער היים, און אין דער פריה פלעגען זיי בענקען, און עס פלעגט זיי ציהען, ציהען, און דאמאָלס פלעגען זיי לויפען אויף דער אכסניא, וואו די בעלי עגלות פון זייער היים פלעגען פאַרפאָהרען, נאָכפרעגען ביי זיי אַ גרוס, צי אַ בריוועלע פון דער היים...

די בעלי־עגלות זיינען אפילו געווען גוטע אידען, האָבען געהאַט ווייכע הערצער און וואָלטען אודאי רחמנות געהאַט אויף די צוויי אָרימע אינגלאך, וואָס גאַרען אַזוי עפּעס הערען פון דער היים, וואָס זייערע אייגעלאך ברענען און זייערע הערצעלאך קלאַפּען אַזוי שטאַרק, אַזוי שטאַרק, — זיינען אָבער די בעלי־עגלות געווען שטאַרק פאַרנומען: קומען פלעגען זיי אַהער מיט טויזענדער שליחות פון די שטעדטילשע קרעמער און סוחרים, און בריוו האָבען זיי געהאַט מעהר פאַר דער פּאָסט, און די אָרדענונג איז ביי זיי געווען אַ סך ווייניגער אַלס אין פּאָסט; בריוו פלעגען ביי זיי פאַרלעגען ווערען, פּאָסילקעס פלעגען ביי זיי פאַרפאַלען ווערען, און צוטומעלט, קראַצענדיג זיך אין די פּאַטיליצעס פלעגען זיי יעדערען ענטפערען:

— אָט באַלד, באַלד, באַלד געפין איך... ניין... דאַכט זיך, פאַר אייך האָב איך גאָר נישט...

אַזוי פלעגען זיי ענטפערען גרויסע אידען, וואָס פלע־

גען קומען צו זיי; די ברידערלאך אָבער פלעגען שטעהן און שטעהן, קוקען מיט דאָרשטיגע אויגען און מיט די צוקלעמטע הערצער אויף לייזער בעל-עגלה — אַ באוואַק-סענער איד, אין אַ קורצען וואַטאָווען קאַפטאַן סיי זומער, סיי ווינטער — און פלעגען וואַרטען, טאָמער וועט ער זיי באמערקען און זאָגען זיי עפעס, כאָטש אַ וואָרט... נאָר לייזער איז געווען פאַרהאַוועט: דאָ האָט ער אויפ'ן הויף דעם פערד עסען געגעבען, דאָ פלעגט ער אַריינלויפען אינ-וועניג אין אכסניא, דאָ פלעגט ער זיך פונאַנדעררעדען מיט אַ פריקאַזטשיק פון אַ גרויסען מאַגאַזין, וואָס האָט איהם אַ „רשימה“ מיט סחורה געבראַכט, אָפצופיהרען אין שטעדטעלע פאַר אַ קרעמער. און די ברידערלאך פלעגען אַלץ שטעהן... ביז דעם עלטערען ברידערל — בערלען — פלעגט די געדולד פלאַצען און אַ פאַרביסענער, שיער ניט פונאַנדערוויינענדיג זיך פאַר פאַרדרוס, פלעגט ער קוים אויסרעדען:

— איהר האָט, ר' לייזער, אַ בריוועלע פון טאַטען?

נאָר לייזער פלעגט אָדער פלוצלינג ניט ווערען, אַנט-לויפען אין גאַס אַריין מיט וועמען עס איז, אָדער זיין פאַרטראָגען אין שמועס, און בערעלע פלעגט זיך קוים דערוואַרטען אויף עפעס אַן ענטפער, וועלכען לייזער פלעגט, ניט קוקענדיג בערעלען אין פנים, קאַלט אַרויס-זאָגען:

— ניטאָ... ניטאָ...

— ניטאָ! — פלעגט בערעלע אַרויסקרעכצען און אַ צוקלעמטער אַוועקרופען יאַנקעלען, און זיי פלעגען זיך לאַ-זען געהן אויף זייערע „טעג“, אומעטיגע, דערשלאָגענע...

— ער מוז אודאי פאַרלירען די בריוו! — פלעגט יאַנ-

קעלע נאָך דעם אין עטליכע מינוט אַרום אַרויסרעדען, געהענדיג.

— אַ שלעכטער איד! — פלעגט בערעלע ברומען פאַדריסליך...

נאָר איין מאָל האָט זיי לייזער דאָך אַ בריוועלע איבערגעגעבען, און דערצו אַ קליינע פּאָסילקע. אין בריוועלע איז געשטאַנען:

„ליעבע קינדער, זייט מענשען און ווילט לערנען. מיר שיקען אייך דאָ אַ האַלבען קעז און אַ פיערטעל פונט צוקער און אין גלעזעל אַ ביסעל יאַגדעס-סאָק, עסט געזונטערהייט און קריגט זיך ניט.

פון מיר אייער פאָטער ה י ים ה ע כ ט"...

דאמאָלס איז ביי זיי אין די אויגען לייזער בעל-עגלה געוועזען דער בעסטער מענש אין דער וועלט. זיי וואָלטען זיך ניט געשעמט, וואָלטען זיי איהם מיט זיין פערד און וואָגען פאַר ליעבשאַפט אויסגעקושט. זיי האָבען גלייך אָנגעשריבען אַ בריוועל און האָבען עס אויף דער נאַכט ביידע אָפּגעטראָגען לייזער בעל-עגלה. לייזער האָט עס קאַלט צוגענומען, אַריינגערוקט אין בוזעם און עפּעס אַרויסגעברומט אַ וואָרט עהנליך צו „גוט".

— וואָס האָט ער געזאָגט, בערעל? — האָט יאַנקעלע מיט האַרצקלאַפּעניש געפרעגט.

— גוט, דאַכט זיך... — האָט בערעל מיט ספקות געענטפערט.

— מיר האָט זיך אויך געדאַכט, אַז ער האָט געזאָגט „גוט!" — האָט יאַנקעלע זיך אַליין בארוהיגט. ער האָט אַ זיפץ געטאָן און צוגעגעבען מיט שרעק:

— ער קאָן נאָך דעם בריוו אָנווערען!

— ביים בעסער אָפּ די צונג! — איז בערעלע אין כעס געוואָרען.

און פאַרקלערט וועגן גורל פון זייער בריוו צו טאַ־טע־מאַמען, האָבען זיי זיך געלאָזט געהן אויף זייערע „טעג“, וואָס זיי האָבען געהאַט אין באַזונדערע גאַסען.

אַזוי זיינען די צוויי ברידערלאַך דריי מאָל אַ וואָך, ווען לייזער בעל־עגלה פלעגט קומען צו פאָהרען אַלע אין דער פריה, ניט געגאַנגען, נאָר געלאָפען אויף דער אכסניא, און געפרעגט אַן „ענטפער“ אויף זייער בריוועלע, און לייזער דער בעל־עגלה איז וואָס אַמאָל אַלץ מעהר צעטראָגענער, בייזער און ענטפערט זיי אָדער האַלבע ווערטער, וואָס די צוויי ברידערלאַך באַנעמען עס ניט און וואָלטען וועלען איבערפרעגען, ווען זיי וואָלטען קיין מורא ניט געהאַט, אָדער ער ענטפערט זיי גאָר ניט, און זיי געהען אַוועק, מיט צעקלעמטע הערצער...

איינמאָל אָבער האָבען זיי דערהערט פון לייזער דעם בעל־עגלה גאַנצע ווערטער, וואָס זיי האָבען גוט פאַרשטאַנען:

— וואָס האָט איהר זיך, קונדיסים, צוגעטשעפּעט? וואָס דולט איהר מיר אַ קאָפּ: בריוועל, שמיוועל!... איהר צאָהלט מיר אַ סך?... איך בין אייערער אַ פּאָס־טאַליאָן? וואָס? געהט אייך געזונטערהייט...

די צוויי ברידערלאַך זיינען טאַקי אַוועקגעגאַנגען, אָבער ניט געזונטערהייט, ווי ער האָט זיי געהייסען: די הערצעלאַך האָבען זיי מאָדנע געדריקט, שטאַרק וועה גע־טאָן, און די יונגע דינע פּיס האָבען זיך געבויגען, און

טראָפּענס טרערען האָבען זיך זיי אין די אויגען גע־שטעלט און אַראָפּגערונען אויף דער ערד און צעטראָטען געוואָרען פון מענשליכע שווערע טריט...

און מעהר זיינען זיי שוין ניט געגאַנגען צום בעל־עגלה פרעגען אַ בריוו.

— אַ שלעכטער איד! — האָבען די ברידערלאך גע־זידעלט, כאָטש זייערע הערצלאַך האָבען עס ניט געמיינט, און זיי האָט געצויגען כאָטש געהן זעהן לייזער בעל־עגלה, זיין פערד און וואָגען: זיי זיינען דאָך פאָרט פון איין שטעדטעל, און ליעב זיינען זיי די צוויי ברידערלאך געוועו...

איינמאָל אין אַ פּאָר וואָכען אַרום, נאָך דעם ווי דער בעל־עגלה האָט זיי אַזוי פאַריאָגט, זיינען די צוויי ברידער־לאך געזעסען ביי דער אָרימער קרובה אין שטיבעל און האָבען גערעדט וועגען דער היים. דאָס איז געווען אַ זומער דיגער טאָג, פרייטאָג.

— וואָס קען איצטער טאָן דער טאַטע? — האָט יאַנקעלע אַ זאָג געטאָן, אַריינקוקענדיג אין די קליינע שייבעלאך פון די קליינע פענסטערלאך.

— ער שניידט אודאי די נעגעל — האָט בערעלע מיט אַן אומעטיגען שמייכעלע געענטפערט.

— ער מוז גאָר איצטער צעהאַקען אַ „פּיסנאָהע“... האָט יאַנקעלע זיך פאָרגעשטעלט אין פאַנטאַזיע. — און די מאַמע מוז קעמען איצטער היענעלען, און היענעלע מוז אודאי וויינען...

— גענוג צו רעדען נאַרישקייט — האָט בערעל איהם אָפּגעשטעלט. — וואָס קען מען וויסען אונטער די אויגען,

וואָס דאָרטען טוט זיך. אפשר איז עמיצער גאָר גע־שטאָרבען — האָט ער צום סוף גענומען שרעקען יאַנ־קעלען.

— געה, געה, משוגענער! — האָט יאַנקעלע איבער־געשלאָגען — אַז מען שטאַרבט, זאָגט מען דאָך אָן...

— אפשר האָט מען אָנגעזאָגט, און דער בעל־עגלה גיט אונז ניט איבער...

— אי, גענוג צו פּלוידערען! — האָט שוין יאַנקעלע זיך צעבייזערט אויפ׳ן אמת...

— שאַ, נאַרעלע, איך לאַך דאָס! — האָט בערעל איהם בארוהיגט — אַלע לעבען...

יאַנקעלע איז פרעהליך געוואָרען און האָט פּלוצלינג אַ שפּרונג געטאָן אין דער הויך און מיט לוסטיגע אוי־געלאַך אויסגעשריען:

— בערעל! פּאָלג מיר, לאָמיר שיקען גאָר דורך פּאָסט אַ בריוועל אַהיים.

— ביזט גערעכט! — האָט בערעל איינגעשטימט — איך האָב אָבער קיין געלד ניט.

— איך האָב אַ פּיערער! — האָט יאַנקעלע אויסגע־רופען מיט פרייד.

— און איך האָב אויך אַ קאָפּיקע! — האָט בערעל צוגעגעבען — אַקוראַט אויף אַ קאַרטעל.

— ווער וועט אָבער שרייבען? — האָט יאַנקעלע געפרעגט.

— איך — האָט בערעלע געענטפערט. — איך בין דאָך אַן עלטערער, איך בין דאָך אַ בכור...

— איך גיב דאָך אָבער אַ פּיערער.

— אַ בכור איז מעהר ווערט ווי אַ פּיערער.

— ווייסט! איך וועל שרייבען אַ האַלבע און דו אַ האַלבע, האַ?

— זאָל זיין אַזוי. קום קויפען אַ קאַרטעל!

און די צוויי ברידערלאך זיינען אַוועקגעלאָפען קויפען אַ קאַרטעל אין פּאָסט.

— דאָ וועט זיך גאָר נישט אויסשטעלען! — איז יאַנקעלע ניט געווען צופרידען באַטראַכטענדיג, צוריקגעהענדיג אַהיים, דאָס קליינע קאַרטעל.

— מיר וועלען שרייבען קליינינקע אותיות׳לאך, מאָנטשינקע, — האָט בערעלע אַן עצה געגעבען.

— וועט דער טאַטע ניט קענען איבערלייענען...

— נישקשה! ער וועט אָנטאָן די שפּאַקולען!

— נו, קום גיכער! — האָט יאַנקעלע געטריבען.

זיין הערצעל איז שוין פול געוואָרען מיט ווערטער, און ער האָט זיי געוואָלט שוין אויף גיך אויסגיסען אויפ׳ן שטיקעלע פּאַפּיר, פאַר וועלכען ער האָט זיין גאַנצען פאַרמעגען אַוועקגעגעבען...

זיי זיינען געקומען אין שטיבעל און האָבען זיך גענומען גרייטען צום שרייבען.

בערעל האָט גענומען שרייבען דער ערשטער, יאַנקעלע איז געשטאַנען און צוגעקוקט.

— הויב אָן העכער, דאָ קאָן מען דאָך שרייבען אַ שורה. וואו האָסטו אַזוי ווייט אַוועקגעשטעלט דעם „טיטעל“! — האָט יאַנקעלע געשריגען.

— וואו זאָל איך איהם שטעלען? אויפ׳ן הימעל — וואָס? — האָט בערעלע זיך פאַרענטפערט און געטריבען פון זיך יאַנקעלען:

— געה אַוועק! איך וועל פאַר דיר לאָזען אַ האַלבע, טומעל מיר ניט...

— שאַ! שאַ! — איז יאַנקעלע אָפּגעטראָטען און געקוקט פון דער ווייט מיט דאָרשטיגע אויגעלאך אויף בערעלען, ווי אַזוי יענער זיצט פאַרטיפט און שרייבט, שרייבט, קנייטשט דאָס שטערנדעל און טונקט די פּען און פאַרטראַכט זיך און שרייבט ווייטער.

— גענוג שוין! — האָט יאַנקעלע אין עטליכע מינוט אַרום אַ געשריי געגעבען.

— עס איז נאָך ניט קיין האַלבע, — האָט בערעלע שרייבענדיג געענטפערט.

— מיר קומט דאָך מעהר ווי אַ האַלבע! — האָט יאַנקעלע שוין בייז געשריגען. דער חשק צו שרייבען, אויסגיסען דאָס האַרץ פאַר די היימיגע האָט איהם שוין אינגאַנצען דורכגענומען.

נאָר בערעלע האָט שוין ניט געהערט. ער האָט זיך צום אָנהויב אַריינגעלאָזט אין מליצות, ווי „ערשטענס, מעלדען מיר, אַז מיר זיינען געזונט". פּונקט, ווי ער האָט אויסגעלערנט אין בריוועונשטעלער. דאָס ביסעלע אייגענע ווערטער איז נאָך איהם אין קאָפּ געבליבען: ער דאַרף נאָך פאַר׳מסר׳ן לייזער דעם בעל-עגלה, ער דאַרף נאָך שרייבען, וויפיעל בלאַט ג מ ר א ער האָט אָפּגעלערנט, ער דאַרף נאָך געבען אָנצוהערעניש, אַז מען זאָל זיי שיקען עפּעס אַ פּאָסילקעלע, ווייל עס פעהלט זיי צו מאָנטאג און מיטוואָך, און דער „דיענסטאג" איז אויך ווי גאָר נישט.

און בערעלע שרייבט און שרייבט, און יאַנקעלע קען זיך שוין ניט איינהאַלטען: ער זעהט, ווי בערעלע פאַר-נעמט מעהר ווי אַ האַלבע.

— גענוג! — איז ער צוגעלאָפען מיט אַ געשריי און אָנגעכאַפּט פאַר דאָס הענטעל פון פעדער.

— נאָך דריי ווערטער! — האָט זיך בערעלע גע־בעטען.

— אָבער געדענק זשע: מעהר ניט! — האָט יאַנ־קעלע געשריגען און די אויגעלאך האָבען איהם געפלאַ־קערט...

און בערעלע האָט זיך גענומען שרייבען די דריי ווער־טער, נאָר דער געדאַנק, וועלכען ער האָט געדאַרפט אויס־דריקען, האָט געפאָדערט נאָך אַ צעהן־פופצעהן ווערטער און בערעלע, אַ באַגייסטערטער פון שרייבען, האָט גע־פיקט, געפיקט אויפ'ן פּאַפּיער און פאַרנומען נאָך אַ שטיק פון דער אַנדערער העלפט פון קאַרטעל.

— דו הערסט אויף! — האָט יאַנקעלע אויסגעשריי־גען און זיך היסטעריש פונאַנדערגעוויינט, באַטראַכטענדיג דאָס קליין שטיקעלע, וואָס פאַר איהם איז געבליבען.

— שאַ, בלויז אונטערשרייבען זיך... — האָט זיך בערעלע געבעטען — מעהר ניט!...

נאָר יאַנקעלע דערמאָנט זיך, אַז ער האָט געגעבען אַ גאַנצען פיערערל, און בערעלס וועט מען אין דערהיים לעזען אַזוי פיעל, איז אַזוי בייז געוואָרען, אַז ער האָט גענומען מיט ווילדקייט רייסען פון אונטער בערעלס הענט דאָס קאַרטעל.

— לאָז מיר שטעלען נאָך „פון מיר דיין זוהן“! — האָט זיך בערעלע שטאַרקער געבעטען — מעהר ניט!...

— עס וועט זיין רעכט אָהן דעם... — האָט יאַנקעל געשריגען, כאָטש ער האָט געפיהלט, אַז „פון מיר דיין זוהן“ מוז זיין. דער כעס האָט אין איהם אָבער גע־



אַז ער האָט גענומען מיט ווילדקייט רייסען פון אונטער
בערעלס הענט דאָס קאַרטעל.

נומען ברענען, און ער האָט אָנגעהויבען שלעפּען מיט גע־וואַלד דאָס קאַרטעל; בערעלע האָט עס פעסט צוגעדריקט, נאָר יאַנקעל האָט אַזאַ שטאַרקען שלעפּ געטאָן, אַז דאָס קאַרטעל האָט זיך אויף צווייען צעריסען.

— וואָס האָסטו געטאָן, גזלן? — האָט בערעל ווילד אויסגעשטעלט זיינע אויגען אויף יאַנקעלען.

— איך האָב געוואָלט אַזוי! — האָט יאַנקעל גע־ברומט דורך פאַרשטיקטע טרערען.

— וואָס האָסטו געטאָן? — האָט בערעל ווייטער גע־פרעגט, קוקענדיג מיט פאַרצווייפעלטע בליקען אויף די צוויי האַלבע צעריסענע שטיקער פון דעם פּאָסט־קאַרטעל.

נאָר יאַנקעל האָט ניט געקענט ענטפערען, די טרערען האָבען איהם געוואָרגען, און ער איז אַ פאַרצווייפעלטער אַ פאַל געטאָן צום וואַנד, רייסענדיג זיינע האָר... דאָ האָט שוין בערעל אויך ניט אויסגעהאַלטען, און ד א ָ ס ק ל י י נ ע ש ט י ב ע ל א י ז פ ו ל געוואָרען מיט יאָמער...

דעם זיידענס לאַמטערן

ווי נאָר עס איז אַוועק דער סוכות, און עס האָבען זיך אָנגערוקט די אָסיענדיגע קליינע גרויע טעג מיט די לאַנגע אבענדען, האָט אָנגעהויבען פאַרנעמען אַ וויכ־טיגען פלאַץ אין זיידענס לעבען — די לאַמטערן.

מיין זיידע איז געווען אַ איד ניט קיין עושר. אָבער אַן איינגעפונדעוועטער באַלעבאָס איז ער יאָ געווען. דאָס הייזעל זיינס, וואָס האָט זיך געפונען אין עק שטעדטעל, איז שוין, אמת, געווען אַן אַלטס, אָבער פאַר „איינפאַלען" האָט קיינער פון אונז און אפילו דער זיידע אַליין קיין מורא ניט געהאַט. דער זיידע האָט זי שטענדיג געפונ־דעוועט, דאָ מיט סלופּעס, דאָ מיט „פּריזבעס" און דאָ מיט נייע ברעטער אויפ׳ן אַלטען מיט מאָך באַוואַקסענעם דאַך. אינוועניג אין שטוב איז דאָס הייזעל געווען גע־טינקעוועט מיט לעהם און „קינעלאך", אַזוי אַז דאָס אַלטע

שטיבעל האָט געקענט אין שטאַרקייט קאָנקורירען מיט די סאַמע פעסטע מויערען אין די גרויסע שטעדט.

און אַזוי ווי דאָס הייזעל האָט דער זיידע אָפּגעהיט,

אַזוי האָט ער געהיט זיין לאַמטערן. מיר האָט זיך שטענ־דיג געדאַכט, אַז די לאַמטערן איז דעם זיידענס צווייטע הייזעל. זי איז טאַקי געווען געבויט ווי אַ שטוב. די לאַמטערן האָט געהאַט דריי פענסטער, אַ טיר, און אויבען, איהר שפּיץ, האָט אויסגעזעהן, ווי אַ דעכיל מיט אַ קליין קוימענדעל, פון וואַנען עס איז אַרויס דער רויך פון דער הלב׳נער ליכט, וואָס האָט אין דער לאַמטערנע געברענט.

די לאַמטערנע אָבער איז מיר געווען מעהר געפעלען, ווי אַ שטוב, ווייל זי איז, נאַטירליך, געווען קלענער, ווי דעם זיידענס שטיבעל, און דערצו האָט זיך די טיר פון דער לאַמטערנע געעפענט ניט ווי אַ געוועהנליכע טיר. נאָר מיט אַ קונץ פון אונטען אַרויף. עס הייסט, אַז דאָס טירעל איז געווען אַריינגעזעצט אין די צוויי שפּאַלטען, וואָס די פיערטע „וואַנט“ האָט איןביידע זייטען פאַר־מאָגט . . .

אָבער ניט צו שפּיעלען זיך אין „שטיבעלאך“ איז די לאַמטערנע געווען. אַ שפּיעלכעל איז זי בלויז ביי מיר געווען. דער זיידע אָבער, אַ הויכער, מאָגערער איד, מיט אַ לאַנגער ברייטער באָרד, מיט קלאָרע גרויסע אימער ערנסטע אָבער גוטמוטיגע אויגען — פלעגט די לאַמטערנע

נוצען אין זעהר ערנסטע מאָמענטען, סיי צו וואָכעדיגע און סיי צו היילִיגע זאַכען. מיט דער לאַמטערן פלעגט ער אַראָפּגעהן אין שפּייכלער, וואו עס האָט זיך געפונען די תבואה, מיט וועלכער ער האָט געהאַנדעלט; מיט דער לאַמטערנע פלעגט ער געהן אין שטאַל געוואָהר ווערען צו דער קוה, צי עסט זי, צי שלאָפט זי און צי האָט זי גענוג שטרוי אונטער׳ן זייט. מיט דער לאַמטערן פלעגט ער אַראָפּגעהן אין קעלער זעהן, צי איז נאָך דאָ קאַרטאָפליעס און צי פוילען זיי ניט...

אָבער מיט דער זעלביגער לאַמטערן פלעגט ער געהן אין אבענד אין בית־המדרש לערנען אַ פּרק משניות, אָדער אַזוי זיצען און אַריינקוקען אין אַ ספר.

דעם זיידענס שטיבעל איז געווען אין עק גאַס. דער גאַנצער „עק" גאַס איז געווען באוואוינט מיט גויים. יע־דער גויאיש הויפעל האָט געהאַט אַ הונט. די בייזערע זיינען געווען אָנגעבונדען אויף קייטען, די רוהיגערע, וואָס פלעגען בלויז בילען, אָבער ניט בייסען, פלעגען ליגען ביי די הויפלאַך און שלאָפען. דער שוואַכער שיין פון זיידענס לאַמטערן, וואָס האָט באגאָסען און געצייכענט דעם זיי־דענס וועג, פלעגט די דאָזיגע הינט אויפוועקען. די הינט אויף די קייטען פלעגען זיך אָנהייבען רייסען און יאָ־מערען. די ליגענדע הינט ביי די הויפען פלעגען אַזוי זיך צובילען, אָבער דער זיידע איז מיט דער לאַמטערן געגאַנגען רוהיג און זיכער זיין וועג, ביז ער איז אַריין

אין דעם אידישען תחום, וואו עס זיינען שוין קיין הינט ניט געווען...

קומענדיג אין בית-המדרש, פלעגט דער זיידע דאָס ליכטעל אויסלעשען, די לאַמטערן אַוועקשטעלען אין אַ ווינקעל און זיך נעמען צו אַ ספר. צום ספר האָט ער שוין געניצט אַ בית-מדרש-ליכט, וואָס דער אונטער־שמש פלעגט איהם אונטערטראָגען מיט אַ סבר פנים יפות... אַז דאָס דאָזיגע שטיקעל ליכט איז געווען גרויס, פלעגט דער זיידע נאָכ׳ן לערנען דאָס רעשטיל צוריקגעבען דעם אונטער־שמש.

אין זעלטענע פאַלען, פלעגט דער אונטער־שמש ער־לויבען דעם זיידען זיך באנוצען מיט אַ שטיקעל ליכט פון בית-מדרש פאַר זיין לאַמטערן. אַזאַ פריווילעגיע האָט דער זיידע געהאַט אויך צוליעב זיין לאַמטערן, וועלכע איז ביי דעם אונטער־שמש שטאַרק חשוב געווען. ניט איינמאָל פלעגט דער דאָזיגער פאַרכמורעטער אונטער־שמש די דאָזיגע לאַמטערן באַטראַכטען, עפענען און פאַר־מאַכען דאָס טירעל און שמוצערען מיט די ליפען פאַר גרויס התפעלות, ווי אַזוי די לאַמטערן איז קונציג געבויט.

— אַן אמת׳ע שטוב! — פלעגט דער אונטער־שמש זי ריהמען פאַר׳ן זיידען.

און דער זיידע, אַ צוגעלאָזטער איד, פלעגט איהם דערצעהלען די ביאָגראַפיע פון דער דאָזיגער לאַמטערן, אַז באשטעלט האָט ער זי נאָך ביי חנן דעם גלעזער, עליו

השלום, און אַז דער „פּלאַן" פון דער לאַמטערן איז זיינער, דעם זיידענס, הייסט עס, אַן אייגענער... איבערהויפּט האָט זיך דער זיידע אָפּגעשטעלט אויף דער טיר.

— די טיר — האָט ער מסביר געווען — איז מיינע אַן אייגענע המצאה...

און דער זיידע האָט זיין לאַמטערן טייער געהאַל־טען מעהר פון אַנדערע הפצים. זי איז ביי איהם געווען אפילו השוב'ער פאַר די ספּאקולען, וועלכע ער האָט גע־ברויכט סיי זומער, סיי ווינטער. אין דער לאַמטערן האָט זיך אויסגעדריקט דעם זיידענס ליעבע צו שעהנקייט, צו שפּיעלעריי. מיר, אייניקלאך, האָבען באשיינפּערליך גע־זעהן, אַז דער זיידע האָט די לאַמטערן מעהר ליעב צוליעב איהר שעהנקייט, איידער צוליעב די נוצליכקייט...

און מיר האָבען ליעב געהאַט דעם זיידען מיט זיין לאַמטערן.

איינמאָל איז דער זיידע שטאַרק קראַנק געוואָרען. עס איז געווען אַן אָסיענדיגע נאַכט. מיר אַלע, זיינע דערוואַקסענע זיהן, טעכטער און אייניקלאך, זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אין זיין שטיבעל, און זיינען אַלע מינוט צוגעגאַנגען צום בעטעל זעהן, וואָס ער מאַכט. ער איז געלעגען מיט אָפענע אויגען און האָט מיט זיי געקוקט ערגיץ ווייט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דער זיידע זעהט עפּעס איצטער מעהר און ווייטער, ווי מיר אַלע... דאָס



— אן אמת'ע שטוב ! — פלעגט דער אונטער־שמש זיריהמען פאר'ן זיידען.

קינדערשע האַרץ מיינס האָט זיך געשראָקען און איז אין איין צייט שטאַרק נייגעריג געווען.

ענדליך האָט זיך מיין טאַטע אָנגערופען:

— זאָל עמיצער געהן רופען אַ דאָקטאָר...

דער זיידע האָט פון דאָקטוירים ניט געהאַלטען און ער האָט שוואַך אויסגערעדט:

— גאָט איז אַ דאָקטאָר!

אָבער אַז מיין טאַטע און נאָך איהם די איבעריגע קינדער האָבען זיך איינגעשפּאַרט, האָט דער זיידע מסכים געווען.

מיין עלטערער ברודער האָט זיך אויסגערופען צו געהן.

— עס איז אין דרויסען פינסטער... — האָט דער זיידע שוואַך גערעדט — נעהם, מיין קינד, מיין לאַמטערן, נאָר פּאַמעליך, צוברעך זי ניט...

אין דעם לאַמטערן איז געלעגען אַ פּיצעל ליכטעל... דאָס אייניקעל האָט זי באַטראַכט, ער האָט משער געווען, אַז זי וועט ניט זיין גענוג צו ברענען דעם גאַנצען וועג. ער האָט אָבער ניט געוואָלט מאַכען איצט קיין גערייד. ער האָט אָנגעצונדען דאָס פּיצעלע ליכט און אין לאַמטערן איז ליכטיג געוואָרען...

דער זיידע האָט געוואָרפען אַ בליק צו דער אָנגעצונ־דענער לאַמטערן און האָט זיך צעשמייכעלט, אַזוי ווי אַ קינד...

דער דאָקטאָר האָט דעם אַלטען זיידען ניט געהאָלפען. פאַרטאָג איז ער אויסגעגאַנגען.

גערעכענט האָט מען די לויה מאַכען ביי טאָג, אָבער אַזוי ווי דער טאָג איז געווען פון די סאַמע קורצע ווינ־טער־טעג, האָט עס אַריינגעצויגען ביז אבענד. אויפ'ן גאַס איז געווען שטאַרק פינסטער און עס האָט זיך גע־דוכט, אַז דאָס האָט דער טויט אָנגעטאָן אַ פעך־שוואַרצען מאַנטעל און געהט מיט...

איינער פון דער משפחה האָט מיר צוגערופען, איידער די לויה האָט זיך גערירט פון אָרט, און מיר געזאָגט:

— געה, נעם די לאַמטערנע...

איך בין, מיט פרייד און שרעק געמישט, אַריינגע־לאָפען צוריק אין זיידענס שטיבעל... דאָס לעדיגע בעט האָט מיך געשראָקען, אָבער איך האָב מיך געשטאַרקט, אַ כאַפּ געטאָן די לאַמטערן און, געפינענדיג אַ שטיקעל פאַרשמאָלצען ליכט אויפ'ן קוימען, האָב איך עס אָנגע־צונדען און אַריינגעשטעלט אין דער לאַמטערן, און האָב זי ברענענדיג אַרויסגעטראָגען צום טאַטען אין דרויסען.

די לויה האָט זיך געריהרט... די עדה אידען, וואָס איז נאָכגעגאַנגען, האָט נאָכגעזאָגט די שבחים פון מיין זיידען. די לאַמטערן האָט שטיל און טרויעריג געברענט און האָט באַלויכטען די שוואַרצע מטה, וואו דער זיידע איז געלעגען מיט אויסגעשטאַרטע פיס און האָט ווי פון

אונטער׳ן שוואַרצען געוואַנט אַרויסגעקוקט צו זיין לאַמ־
טערן.

און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דעם זיידען טוט ניט
באַנג ניט דאָס שטיבעל, וואָס ער פאַרלאָזט, ניט זיינע
קינדער און אייניקלאַך, און קיין זאַך ניט — אַ שאָד איז
איהם בלויז די לאַמטערן... די שעהנע לאַמטערן, וועלכע
ער האָט אַזוי ליעב געהאַט און קאָן זי איצט ניט מיט־
נעמען אין קבר...

און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס פייעריל, וואָס
האָט געצאַנקט אינוועניג אין דער לאַמטערן, איז געוועזען
דעם זיידענס נשמה...

די אידענע מיט׳ן באָב.

חיה די אלמנה איז אַ באָב פאַרקויפערין.

זי איז אַ הויכע, דאַרע אידענע מיט אַ געררונצעלטען געזיכט. אָבער איהרע שוואַרצע אויגען, וואָס קוקען אויף גאָטס וועלט מיט גוטסקייט און רחמנות, גיבען איהר צו אַן אויסדרוק פון יונגקייט.

דער געקאָכטער באָב אין אַ גרויסען טאָפּ, וואָס זי טראָגט אַרום אין די גאַסען, איז זעהר אַ גאַנג־באַרע סחורה. מען רייסט עס פון די הענט. ער־שטענס איז באָב ביליג — אַ קאָפּיקע אַ מעסטעל; און צווייטענס, קויפט זי זעהר גוטען באָב און קאָכט איהם אויס זעהר ווייך. ווער עס קויפט ביי איהר איין מאָל, וועט שוין אַ צווייטען מאָל זי זוכען. אַזאַ נאָמען האָט איהר באָב! זי זאָל זיין באזונדערס שטאָלץ אויף איהר סחורה, קען מען ניט זאָגען: משטיינס גע־זאָגט, דער גאַנצער יחוס פון באָב! אַז „ער“ האָט גע־לעבט און האָט געקנעלט מיט אלף־בית קינדער, איז איהר געווען אַביסעל בעסער! האָבען איהר אַ זעכציג קינדער

גערופען „רביצין“. אודאי איז „רביצין“ שענער, ווי באָב־אידענע... וואָס זאָל מען אָבער טאָן? דאַרף „ער“ קריגען די סוכאָטע און אַוועקשטאַרבען! מסתמא האָט גאָט אַזוי געוואָלט.

אָבער מאַנכע מינוטען פון גדולה גיט איהר אויך דער מסחר פון באָב, און ניט נאָר גדולה, נאָר אפילו שמחה און נחת.

ווי געזאָגט, האָט זי איהר באָב זעהר לייכט פאַר־קויפט אין די אָרימע גאַסען. אַרומגעהן אין די הייזער מיט׳ן באָב האָט זי ניט געברויכט; נאָר אין איין הויף פלעגט זי מיט א באזונדער שמחה און גדולה אַריינגעהן מיט איהר סחורה. אָבער ניט צוליעב פדיון, נאָר צוליעב אַ העכערען ציעל.

אַריינגעהענדיג אין דעם גרויסען תלמוד־תורה־הויף, וואָס איז אַרומגעצוימט מיט אַ הויכען לאַנגען פּאַרקאַן, האָט זי דערפיהלט, אַז איהר לעבען איז נאָך ניט אַזוי פינסטער, ווי זי מיינט, אַז זי לעבט ניט בלויז פאַר זיך אַליין.

אין דעם דאָזיגען גרויסען הויף, צווישען די פיעלע אָפּגעריסענע אָרימע תלמוד־תורה אינגלאך, געפינט זיך איינער, אויך אַן אָפּגעריסענער ווי אַלע איבעריגע, און אַ יתום — דאָס איז איהר לייבעלע, איהר טייערער קדיש.

— לייבעלע! די מאַמע מיט׳ן באָב איז געקומען! — הערט זי, אַריינגעהענדיג אין הויף, ווי קינדערשע שטימען רופען.

איהר האַרץ הויבט אָן קלאַפּען פאַר פרייד, איהרע אויגען אונטער׳ן קאָפּ־טיכעל שיינען.

— לייבעלע! — רופט זי מיט נחת.

און עס באווייזט זיך אַ בלאַס-אינגעלע, מיט צוויי שוואַרצע אויגעלאך און מיט אַ צודראַפּעט שפּיץ נעזעלע. ער לויפט צו צו דער מוטער און לאָזט פאַרשעמט אַראָפּ די אויגען.

— לייבעלע! האָסט שוין געלערנט? — פרעגט זי מיט ליעבשאַפט.

— שוין צוויי מאָל! — ענטפערט פאַר לייבעלען אַ צווייטער מיט אַ פּנים פון אַ רעכטען קונדס, און לאָזט ניט אַראָפּ די אויגען פון טאָפּ מיט באָב, וואָס איז איבער־געדעקט מיט אַ ניט זעהר קלאָר, פון פאַרע דורכגעווייקטען טישטוכעל.

— און ווער ביזטו? — פרעגט חיה מיט אַ גוטמו־טיגען שמייכעל, קוקענדיג דאָ אויף איהם, דאָ אויף ליי־בעלען.

— אייער לייבעלעס אַ חבר! — שיסט אויס דער קונדס'ל מיט נצחון, און קוקט אַלץ אויפ'ן טאָפּ מיט באָב.

— ער שלאָגט דיך ניט, לייבעל — הא? — פרעגט זי באזאָרגט.

— ניין, מאַמע! — ענטפערט לייבעלע פאַרשעמט.

— איך נעם זיך פאַר איהם שטענדיג אָן! — שרייט דער קונדס אויס מיט היץ — ניט אמת, וואָס? זאָג לייבעל!

לייבעל שווייגט, נאָר מיט זיין שעמעוודיגען שמייכעל איז ער מודה.

— אייער לייבעלעס א חבר —

— נו, ווילסט אַביסעל באָב? — פרעגט זי דעם קונדס׳ל.

דער קונדס דערפרעהט זיך און פאַרשעהמט זיך צוזאַמען.

— אומזיסט וויל איך ניט... איך וויל קויפען...

— האָסט דען געלד? — שמייכעלט גוטהערציג די אלמנה.

— באָרגען... איך וועל אייך מאָרגען אָפּגעבען, אויף נאמנות!

— נו, איך באָרג דיר, ביזט אודאי אַן עהרליך אינגעל — ענטפערט חיה גערידהרט און שיט איהם אַ פול מעסטעל באָב אין די ביידע אויסגעשטעלטע, דאַרע און קויטיגע הענטלאך אַריין.

— אַ דאַנק... — זאָגט ער אַרויס ווי צוטומעלט פאַר גליק. באַלד אָבער כאַפּט ער זיך, אַז מען דאַנקט נאָר פאַר אַ מתנה, ער אָבער נעמט דאָך בלויז אויף „באָרג“, פאַרריכט ער זיך:

— מאָרגען באצאָהל איך אייך!

חיה׳ן מיט׳ן טאָפּ רינגלען דערווייל אַרום די אַלע אינגלאך, וואָס האָבען שוין אָפּגעלערנט דעם פריהמאָרגענדיגען „שיעור“. ווער עס קויפט פאַר באַאַר, ווער אויף באָרג און ווער עס בעטעלט מיט שטומע יתום׳דיגע בליקען.

חיה שטעלט זיי אַלעמען צופרידען, און אַז זי געהט

אַוועק, טאַנצט דער גאַנצער תלמוד־תורה־הויף פאַר פרייד.

און דער אָפּגלאַנץ פון דער פרייד בלייבט ביי היה׳ן אויף אַ גאַנצען טאָג. פאַרנאַכט קומט לייבעל אַהיים, און זי פרעגט איהם:

— נו, לייבעלע, היינט האָט דיך קיינער ניט געשלאָגען?

— די אינגלאך ניט, נאָר דער רבי... — ענטפערט לייבעל אומעטיג. דערצו אָבער האָט שוין היה קיין מיטעל ניט. געלט פאַר רבי׳ן האָט זי ניט און באָב עסט ער ניט — עס שאַדט איהם צום געזונד...

ביז אהער זיינען ערשיענען אין דער ביבליאטעק:

פאַר אייך און אייערע קינדער

פאָלגענדע ביכלאַך:

אין וואַלד פון הערמאַן גאָלד אילוסטרירט פון י. ליכטענשטיין.

דער געטרייער אמת — פאַניאַ גלאַנץ — ז. מאיד.

בערעל פראַגער — דוד איגנאַטאָוו — ז. מאיד.

פאַבלען — נחום י. — י. אבראַמאָוויטש

יוסף און זיינע ברידער — ז. מאיד
באַארבייט פון חומש

די ביכלאַך פון דער ביבליאָטעק: **פאַר אייך און אייערע קינדער**, ערשיינען יעדען 15טען פון חודש.

דער פרייז פון יעדען ביכעל איז - - 20 סענט.

דער פרייז פון **יוסף און זיינע ברידער** - 35 סענט
(ווייל דאָס ביכעל איז אַ דאָפּעלט נומער)

סובסקריבשאן פרייז פאַר אַ יאהר (12 ביכלאַך) $1.75

JEWISH BOOK AGENCY, Inc.

201 E. Broadway New York, N. Y.